**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/8/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

## סטעיטמענט פון גאווערנער קעטי האקול איבער טעלעפאן רוף מיט HHS סעקרעטאר זעיווייער בעסערא רעדנדיג וועגןביידן אדמיניסטראציע פלאן צו אויפנעמען ביז אזויפיל ווי 100,000 פליטים אנטלויפנדיג פון פוטין'ס שרעקליכע קריג

"דעם צופרי האב איך גערעדט מיט סעקרעטאר בעסערא צו ווידערהאלן ניו יארק סטעיט'ס ווילן און גרייטקייט צו העלפן מענטשן וועלכע אנטלויפן פון די שוידערליכע געוואלדטאטן אין וועלכע אוקראינע און די ראיאן איז פארוויקלט געווארן. אלץ די שטאלצע היים צו די גרעסטע אוקראינישע קאמיוניטי אין די פאראייניגטע שטאטן, זענען מיר דאנקבאר פאר פרעזידענטביידן פאר זיין אנגייענדע פירערשאפט אין די צייט פון גלאבאלע קריזיס, און מיר אפלאדירן זיין אדמיניסטראציע'ס פארפליכטונג צו אויפנעמען די וועלכע אנטלויפן פון וולאדימיר פוטין'ס שרעקליכע קריג.

"אונזער סטעיט האט א לאנגע און לעגענדארע היסטאריע אלץ א עיר מקלט פאר באפעלקערונגען וועלכע זענען פארטריבן געווארן צוליב קאנפליקטן, אריינרעכענענדיג דעם אוקראינישן פאלק, טויזנטע פון וועלכע האבן זיך באזעצט אין אונזער סטעיט דורכאויס צענדליגע יארן. פונקט ווי די סטאטוע אוו ליבערטי שטייט אויף אונזער האפן גרייט צו אויפנעמען די וועלכע זענען אין נויט, זענען ניו יארקער גרייט צו העלפן אין סיי וועלכע וועג וואס עס איז נאר מעגליך צו העלפן פארגרינגערן די לייד פון אוקראינישע פליטים און פארזיכערן א גלאטע אריבערגאנג אריין אין אונזערע קאמיוניטיס."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov

זיך ארויסשרייבן